# תרומה

## ועשו לי מקדש[1]

בנוגע דער מצוה פון בויען דעם בית המקדש זאָגט דער רמב"ם[2]: "ומצוה מן המובחר לחזק את הבנין ולהגביהו כפי כח הציבור . . ומפארין אותו ומייפין כפי כחן, אם יכולין לטוח אותו בזהב ולהגדיל במעשיו הרי זה מצוה" (עס איז אַ מצוה מן המובחר צו שטאַרקן דעם בנין און אים באַשיינען וויפל מען קען נאָר. אויב מען קען אים אַרומשמירן מיט גאָלד איז דאָס אַ מצוה).

**עס איז אַ מצוה מן המובחר צו שטאַרקן דעם בית המקדש און אים באַשיינען וויפל מען קען נאָר; אויב מען קען אים אַרומשמירן מיט גאָלד איז דאָס אַ**

דער לימוד דערפון פאַר יעדער אידן:

בשעת דער אויבערשטער האָט געשענקט אַ אידישן קינד – אינגעלע אָדער מיידעלע – אָדער אַן ערוואַקסענעם איד, מיט גרעסערע מעגלעכקייטן ווי אַ צווייטן

– צום ביישפיל: ער (זי) האָט מערער צייט, אָדער אַ בעסערע קאָפּ, און אַ שנעלערע תפיסה; אָדער ער (זי) באַקומט פון די עלטערן מערער געלט אויף די הוצאות קטנות (אויף "אַלאַוענס") ווי אַ צווייטער –

טאָר ער (זי) ניט יוצא זיין דערמיט וואָס ער (זי) וועט טאָן אין זיין רוחניות'דיקן בית המקדש ווי עס טוט אַ קינד וואָס האט ווייניקער מעגלעכקייטן פאַר אים, נאָר ער (זי) מוז טאָן לויט **זיינע** מעגלעכקייטן. וואָרום דאָס גופא וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשאָנקען מיט בעסערע כשרונות, אָדער די עלטערן גיבן אים מערער געלט (און דאָס גלייכן) – באַווייזט, אַז **זיין** מצוה איז, אַז ער זאָל טאָן מערער און מערער.

**דאָס גופא וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשאָנקען מיט בעסערע כשרונות, באַווייזט, אַז זיין מצוה איז, אַז ער זאָל טאָן מערער און מערער**

און ווי דער אויבנדערמאָנטן לשון פון דעם רמב"ם – "ומפארין אותו ומייפין כפי כחן, אם יכולין לטוח אותו בזהב ולהגדיל במעשיו הרי זה **מצוה**": דערביי איז ער מקיים אַן "עקסטרע" מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן ספּעציעל צו אים דורך שענקען אים ספּעציעלע כוחות.

און בשעת ער וועט טאָן לויט **זיינע** מעגלעכקייטן, וועט אים דער אויבערשטער געבן נאָכמער פאַרשטאַנד, און נאָכמער מעגלעכקייטן אויף מקיים זיין מצוות, וואָס דעמולט וועט ער טאָן אין זיין גאַנצער אויפפירונג מערער ווי אַ צווייטער.

(ז' מנחם אב תש"מ)

---

1) תרומה כה, ח. 2) הלכות בית הבחירה פרק א הלכה יא.